**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/1/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שענקט מער פון 45 מיליאן דאלאר אין FAST NY גרענטס צו טראנספארמירן זיבן שטחים פאר ביזנעס אריבער די סטעיט און צוציהען הייי-טעק מעניופעקטשורינג ביזנעסער צו ניו יארק סטעיט

***די פלעצער וועלכע באקומען גרענטס רעכענען אריין לאקאציעס אין ברוּם, טשימאָנג, קלינטאן, פוּלטאָן, ניאגרא, אניידע און ארנדזש קאונטיס***

***מער פון 175 מיליאן דאלאר אין FAST NY גרענטס שוין פארטיילט ביז היינט צו שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס פון די 21'סטע יאר הונדערט דורכן צוציהען און אויסברייטערן ביזנעסער אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג און אנדערע וויכטיגע אינדוסטריעס פאר וואוקס***

***גאווערנער האקול האט פארגעשלאגן 100 מיליאן דאלארדיגע אויסברייטערונג פון FAST NY אלס טייל פון עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז מער פון 45 מיליאן דאלאר איז פארטיילט געווארן צו פארבעסערן זיבן לאקאציעס אונטער דעם קאנצענטרירטע צוציהאונג פון ארבעט'ס-גרייטע שטחים - ניו יארק (Focused Attraction of Shovel-Ready Tracts New York, FAST NY) גרענט פראגראם. צום ערשט אנאנסירט אין פעברואר פון 2022, איז FAST NY אויסגעשטעלט צו צוגרייטן און דעוועלאפען שטחים אריבער די סטעיט צו פארמערן די גרייטקייט פון ניו יארקע שטחים צו אנהויבן געבויט ווערן און דערמיט מאכן די שטחים מער ציהענד פאר גרויסע ארבעטסגעבער און הייי-טעק מעניופעקטשורינג פירמעס. דער פראגראם וואס ווערט אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) ועט העלפן מאכן ניו יארק סטעיט'ס עקאנאמיע מער פארשידנארטיג בשעת'ן פאראויס טרייבן נייע אינוועסטירונגען פאר ביזנעסער, קאמיוניטיס און צו שאפן דזשאבס. זייט עס איז אנגעהויבן געווארן האט שוין FAST NY פארטיילט מער פון 175 מיליאן דאלאר פאר 20 לאקאציעס אין יעדן ראיאן אין אפסטעיט. אין צוגאב, האט גאווערנער האקול פארגעשלאגן נאך 100 מיליאן דאלאר אין די עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 צו אויסברייטערן דעם FAST NY פראגראם און ארויפבויען אויף די הצלחה דערפון ביים אנגרייטן שטחים אריבער די סטעיט צו זיין גרייט פאר די ארבעט.

"פון די האדסאן וואלי ביז די סאוטערן טיער, טוהען די FAST NY אינוועסטירונגען העלפן אויפשפארן עקאנאמישע געלעגנהייט איבעראל אריבער די סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ביזנעסער פון די צוקונפט שטרוימען קיין ניו יארק צוליב אונזער ערשטקלאסיגע ארבעטסקראפט, אונזערע דורכגעטראכטע רייץ מאסנאמען און דאס אז מיר שטעלן צו פארטיגע ארבעט'ס-גרייטע שטחים, און איך בין פארפליכטעט צו ארבעטן מיט די לעגיסלאטור צו ברענגען נאך מער ארבעטסגעבער פון די 21'סטע יאר הונדערט און פארמערן די דזשאבס פון מארגן אין אונזער סטעיט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט איז קאנצענטרירט אויף צו זיין די ערשטע פלאץ איבער וועלכע פירמעס טראכטן ביים זוכן די בעסטע פלאץ וואו צו פלאצירן זייער ביזנעס. FAST NY גיבט פאר לאקאלע רעגירונגען און IDA's די ריכטיגע כלים צו דעוועלאפען שטחים ארום ספעציפישע אינדוסטריעס ווי צום ביישפיל פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, סעמי-קאָנדאָקטערס, באנייבארע ענערגיע, ביאלאגישע וויסנשאפט און אגריקולטורישע ביזנעס."

אינוועסטירונגען אין די ארבעט'ס גרייטקייט פון שטחים האבן צוגעצויגן גרויסארטיגע ארבעטסגעבער קיין ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג די Coca-Cola Company, וואס בויט א 650 מיליאן דאלארדיגע fairlife פראדוקציע איינריכטונג אויף 1900 Tebor Road אין וועבסטער, מאנראו קאונטי — וואס האט באקומען א FAST NY גרענט אין די ערשטע רונדע. גרענטס אין די דריטע רונדע זעצן פאר צו דעוועלאפען שטחים צו צוציהען די סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע און אזוי אויך צו ערגענצן די פאראייניגטע שטאטן נאציאנאלע וויסנשאפט פאַונדעישען'ס (National Science Foundation) דעזיגנירונג פון די 'נייע ענערגיע ניו יארק' (New Energy New York, NENY) ענערגיע סטארעדזש אויפטרייבונג צענטער, וואס געפונט זיך אין בינגהעמטאן אוניווערסיטעט, אלס א "ראיאנישע ערפינדונג טרייב קראפט" (Regional Innovation Engine אדער NSF Engine). צוזאמען האבן די אינוועסטירונגען באפעסטיגט דעם סאוטערן טיער ראיאן'ס פאזיציע אלס א נאציאנאלע צענטער פאר די וואקסנדע ענערגיע סטארעדזש אינדוסטריע.

**אניידע קאונטי – 23.6 מיליאן דאלאר:** די Triangle לאקאציע וואס געפונט זיך ביי די גריפיס אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אין די סיטי אָוו ראָום און נעבן Wolfspeed און Micron, איז אויסגעשטעלט צו ווערן ניו יארק'ס הויפט סעמי-קאָנדאָקטער סופליי טשעין קאמפלעקס, אפפערנדיג ביז 50 MW פון עלעקטריציטעט טרייב קראפט. דער פראיעקט וועט ברענגען עלעקטרישע מאדערניזירונגען, פארלענגערן לאקאלע וואסער און וואסער אפלויף און נאטורליכע גאז רערן, טראנספארטאציע און צוטריט פארבעסערונגען און די פארענדיגונג פון אלגעמיינע ארבעט אויפן שטח. די Triangle לאקאציע געפונט זיך באקוועמערהייט אין די צענטער פון ניו יארק סטעיט, מאכנדיג דאס צוגענגליך צו א גרויסע פאטענציאלע ארבעטסקראפט. דער פראיעקט וועט ערמעגליכן 2.6 מיליאן סקווער פיס פון נייע קאנסטרוקציע און א פאטענציאל פאר 3,000 נייע דזשאבס אויף די 332-אקער-גרויסע שטח. די קאמפלעקס געפונט זיך אין א קאמיוניטי מיט מעסיגע שוועריגקייטן, און עס שטעלט צו צוגענגליכע ארבעטסקראפט באקוועמליכקייטן, האוזינג, פארוויילונג און פובליק טראנספארטאציע.

**ברוּם קאונטי IDA, ברוּם קאונטי – 11.3 מיליאן דאלאר:** דער פראיעקט געפונט זיך ביי די געוועזענע BAE לאקאציע אויף Main St אין דזשאנסאן סיטי, און עס וועט אינסטאלירן א געהעכערטע ערד הייעך צו פארמיידן פארפלייצונגען, און עס וועט אויך בויען א קליינע שאסיי מיט נויטיגע וואסער, סוּער און עלעקטריציטעט אינפראסטרוקטור און אזוי אויך שטורעם וואסער פארבעסערונגען כדי צו אריינברענגען די שטח אין דינסט פאר צוקונפטיגע באנוץ. די שטח שטייט נעבן א געוועזענע קויל פלענט וואס שטעלט אוועק די לאקאציע אינערהאלב א פעדעראל-דעזיגנירטע 'ענערגיע קאמיוניטי', אפפערנדיג פאר ריינע טעכנאלאגישע מעניוּפעקטשוּרערס די פאטענציאל צו קענען באקומען באדייטנדע צוטיילונגען פון פעדעראלע געלטער וואס זענען אוועקגעלייגט געווארן פאר באנוץ אין די צענזוס ראיאנען. עס איז ערווארטעט אז דאס צוריקברענגען די 27-אקער-גרויסע שטח צו אקטיווע באנוץ וועט פירן צו א באדייטנדע העכערונג אין שטייער איינקונפטן און נייע דזשאבס.

**טשימאָנג קאונטי IDA, טשימאָנג קאונטי – $4,000,000:** דער פראיעקט וואס געפונט זיך אויף North Main St אין האָורסהעדס וועט ערלויבן מאדערניזירונגען, אריינרעכענענדיג פארבעסערונגען צו די עקזיסטירנדע רעלסן, וואסער, סוּער און שטורעם וואסער אינפראסטרוקטור, כדי צו שטיצן פלאנירטע וואוקס און דעוועלאפמענט אויפן ארט. די פארבעסערונגען צו די שטח וועלן ערמעגליכן די קאנסטרוקציע פון אן ערווארטעטע 765,000 סקווער פיס פון מאדערנע מעניופעקטשורינג, ווערהאוז און לאגיסטיקס

איינריכטונגען. די לאקאציע וואס געפונט זיך אין א פלאץ וואו מערערע טראנספארטאציע מיטלען טרעפן זיך צוזאם האט צוטריט צו באדייטנדע וואסער און אפלויף וואסער מיטלען, עס געפונט זיך אין א צענטראלע לאקאציע אין די צוויי שעה פון דריי גרויסע שטעט, און זי האט באקומען א טיטל אלס אן 'אויסלענדישע האנדל זאנע' (Foreign Trade Zone) געציהלטע מארקעטס פאר די לאקאציע רעכענען אריין באטעריע און סאלאר מעניופעקטשורינג און לאגיסטיקס ווערהאוזעס. די ארבעט'ס-גרייטע לאקאציע וועט ברענגען נאך א געלעגנהייט פאר די באטעריע סופליי טשעין צו וואקסן ארום די אויפשטייגנדע טעכנאלאגישע צענטער אין די סאוטערן טיער.

**ניאגרא קאונטי – $3,258,450**: דער פראיעקט, וואס געפונט זיך אין די Niagara County Business Park אויף Junction Rd. אין קעימבריע, וועט ערלויבן צו מאכן צוגרייטונגען אויף די שטח און אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען, אריינרעכענענדיג עלעקטריציטעט, גאז, וואסער און סוער פארלענגערונגען. דער פראיעקט רעכנט אריין דאס פארלענגערן א 13.2 kV עלעקטריציטעט דראט צו די 60-אקער-גרויסע קאמפלעקס, און אזוי אויך צו אנהויבן פלאנירונג און אינדזשענירונג צו אויסנוצן א דערנעבנדע 115 kV עלעקטריציטעט דראט. די לאקאציע געפונט זיך גאר נאענט צו באדייטנדע עלעקטריציטעט דראטן, צוטריט צו ביליגע NYPA הײדראָ-פּאַוער און צוטריט צו באדייטנדע קאפאציטעט פון וואסער און סוער. די אינפראסטרוקטור פארבעסערונג וואס ווערט געשטיצט דורך FAST NY וועט אוועקשטעלן די לאקאציע אלס א פאסיגע לאקאציע פאר פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. די לאקאציע איז נאענט צו הייוועיס מיט צוטריט צו גרויסארטיגע מארקעטס אין די פאראייניגטע שטאטן און אין קאנאדע.

**קלינטאן קאונטי – $3,000,000**: די קלינטאן קאונטי לופטפעלד שטח אין פלאטסבורג האט איבער 450 אקער פון לאנד וואס קען דעוועלאפט ווערן. חלקים פון די לאקאציע זענען שוין איבערגעבויט געווארן פאר דריי אינדוסטריאלע שטחים, און דער פראיעקט וועט ערלויבן אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען, אריינרעכענענדיג וואסער, סוער, שטורעם וואסער, עלעקטריציטעט און אזוי אויך די קאנסטרוקציע פון א שאסיי צו ערלויבן די דעוועלאפמענט פון נאך 135 אקער פון לאנד. זיך געפונענדיג בלויז דריי מינוט אוועק פון די I-87 און נעבן די עקזיסטירנדע Air Industrial Park וואס איז שוין אינגאנצן פול, וועט די פלאץ אקאמאדירן ביז אזויפיל ווי 1.7 מיליאן סקווער פיס פאר באנוץ אין מעניופעקטשורינג, לייכטע אינדוסטריאלע פראצעסירונג, ווערהאוזעס און דיסטריביושען.

**אראנדזש קאונטי IDA, אראנדזש קאונטי – $462,500**: דער פראיעקט, וואס געפונט זיך ביי די Aden Brook Commerce Park אין מאַנטגאָמרי, וועט העלפן מיטן פאראויס רוקן דעם SEQRA פראצעדור און העלפן דעקן קאסטן אין פארבינדונג מיט אינדזשענירונג און דעזיין אויפן ארט. דאס וועט פירן צו אן ארבעט'ס-גרייטע פארק וואס דינט אלס א בריק צווישן ניו יארק סיטי און אלבאני. די אויפגעבויטע שטח וועט ציהלן די פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג אינדוסטריע סעקטאר, מיט א באזונדערע קאנצענטראציע אויף ביאלאגישע וויסנשאפט, די סעמי-קאָנדאָקטער סופליי טשעין, ריינע טעכנאלאגיע און צוזאמשטעלונג פון באשטאנדטיילן. די שטח געפונט זיך אומגעפער פיר מייל פון די I-84, אין אן אינדוסטריאלע פלאץ, און שטייט נעבן די אראנדזש קאונטי לופטפעלד.

**פולטאָן קאונטי צענטער פאר ראיאנישע וואוקס, פולטאָן קאונטי – $65,300**: דער פראיעקט אויף סטעיט רוט A20 אין דזשאנסטאון וועט ערמעגליכן א פלאנירונג שטודיע צו באשטימען וויפיל עס וועט קאסטן צו דעוועלאפּען אינפראסטרוקטור אויפן פלאץ, אריינרעכענענדיג שאסייען, יוטיליטיס, אנאליזירונג פון די שטח און ענווייראמענטאלע פארשונג. די לאקאציע געפונט זיך דירעקט אריבער פון די Johnstown Industrial Park וואס איז יעצט פול. ציהענדע אייגנשאפטן, ווי דאס זיין נאענט צו די ניו יארק סטעיט אינטערסטעיט סיסטעם, הויכע עלעקטריציטעט קאפאציטעט אויפן ארט און וואסער סופליי פון מער פון איין לאקאלע רעגירונג, מאכן דאס פאר גאר א פאסיגע לאקאציע פאר פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. דער פראיעקט פלאנירט צו פראדוצירן פינף גרויסארטיגע אינדוסטריאלע דעוועלאפמענט לאקאציעס, פירנדיג צו דאס שאפן אומגעפער 200 דזשאבס.

די FAST NY פינאנצירונג פון ESD פארטיילט גרענטס פאר אקטיוויטעטן וואס קומען פאר דעוועלאפּמענט און פאר אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען צו דעוועלאפּען שטחים וואס וועלן צוציהען פילע בארעכטיגטע אינדוסטריעס — אריינרעכענענדיג היי-טעק מעניופעקטשורינג, סעמי-קאָנדאָקטערס, 'קלין-טעק' ריינע ענערגיע, ביאלאגישע וויסנשאפטן, פארמינג ביזנעסער, אפּטיקס, טראנספארטאציע עקוויפּמענט, מאטעריאל פראצעסירונגען, פאבריצירן אינדוסטריאלע מאשינען און אנדערע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. די שטחים קענען אויך גענוצט ווערן פאר דיסטריביושען און לאגיסטיק אריבער סטעיט גרעניצן. דורך FAST NY, קען ESD שענקען א "FAST NY ארבעט'ס-גרייטקייט סערטיפיקאציע" פאר שטחים וואס קומען נאך הויכע סטאנדארטן פון ארבעט'ס גרייטקייט כדי צו שטיצן און פארשטערקערן דערמיט זייערע מארקעטינג באמיאונגען צו צוציהען מער אינדוסטריעס. פאר מער אינפארמאציע אדער צו אפּלייען פאר א FAST NY גרענט, באזוכט [esd.ny.gov/fast-ny](esd.ny.gov/fast-ny).

**ניו יארק סטעיט עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Economic Development Council) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, רייען מ. סילווע, האט געזאגט,** "דער FAST NY פראגראם איז קריטיש פאר די הצלחה פון ניו יארק'ס עקאנאמיע און פאר אונזער מעגליכקייט צו צוציהען אינוועסטירונג פון די פריוואטע סעקטאר. אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור שאפן שיין-באצאלטע קאנסטרוקציע דזשאבס און וואס העלפן ערמעגליכן שותפות'ן צווישן די רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן. די הייינטיגע אנאנסן טוהען ווידעראמאל אנערקענען די קריטישע ראלע וואס אינדוסטריאלע דעוועלאפּמענט אגענטורן (industrial development agency, IDA) שפילן אין ניו יארק'ס עקאנאמיע, צוזאמברענגענדיג לאקאלע מומחיות'שאפט און מיטלען מיט סטעיט פינאנצירונג צו שטיצן און אויפבויען ענווייראמענט-פריינטליכע קאמיוניטיס. מיר באדאנקען גאווערנער האקול און די מאנשאפט פון ESD פאר זייער פירערשאפט און שותפות מיט דעם FAST NY פראגראם, און די דעוועלאפּערס וואס האבן באקומען גרענטס פארן אינוועסטירן אין ניו יארק'ס צוקונפט."

**סטעיט סענאטאר שאָן רייען האט געזאגט,** "ווען מיר טראכטן איבער די בעסטע וועגן וויאזוי צו שטופּן פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג, ווילן מיר גיבן פריאריטעט פאר סטראטעגיעס וואס זענען קאנצענטרירט אויף דאס אוועקשטעלן א גרויסע צאל פון דזשאבס וואס קענען אויסהאלטן א פאמיליע. דאס צוציהען היי-טעק מעניופעקטשורינג פירמעס קיין ניו יארק ברענגט טויזנטע סטאבילע, שיין-באצאלטע דזשאבס צו אונזער סטעיט. צוגרייטן לאקאציעס פאר די ביזנעסער פון די צוקונפט איז א קלוגע אינוועסטירונג."

**אסעמבלי מיטגליד על סטירפּ האט געזאגט,** "אלס פארזיצער פון די אסעמבלי'ס קאמיטע אויף עקאנאמישע אנטוויקלונג, נייע דזשאבס, האנדל און אינדוסטריע ( Committee on Economic Development, Job Creation, Commerce, and Industry), בין איך דאנקבאר אז גאווערנער האקול האט פארטיילט 45 מיליאן דאלאר אריבער ניו יארק סטעיט דורך דעם FAST NY פראגראם פארטיילט דורך עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט. די באדייטנדע אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס עקאנאמישע צוקונפט מאכט זיכער אז מיר טוהען נישט בלויז צוגרייטן שטחים צו זיין ארבעט'ס-גרייט נאר מיר טוהען פלעגן געלעגנהייטן, פארמערנדיג צו ציהעדיגקייט פון שטחים פאר גרויסע ארבעטסגעבער און טרייבנדיג נייע דזשאבס צו אויסברייטערן וויכטיגע אינדוסטריעס פאר וואוקס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()